און געזאָגט צו אים: באמת, באמת זאָג איך דיר:
אויב איינער ווערט נישט ווידער געבוירן, קען
4 ער נישט זעען דאָס קעניגרייך פון ג־ט. זאָגט
נקדימון צו אים: וויאַזוי קען אַ מענטש געבוירן
ווערן, זייענדיק אַ זקן? צי קען ער דען אַ צווייט
מאָל אַריינגיין אין זיין מוטערס לייב און געבוירן
5 ווערן? האָט ישוע געענטפערט: באמת, באמת זאָג
איך דיר: אויב איינער ווערט נישט געבוירן
פון וואַסער און פון גייסט, קען ער נישט אַריינגיין
6 אין דעם קעניגרייך פון ג־ט. דאָס, וואָס איז
געבוירן פון דעם פלייש, איז פלייש; און דאָס,
וואָס איז געבוירן פון גייסט, איז גייסט.
7 וואונדער דיך נישט, ווייל איך האָב דיר געזאָגט:
8 איר מוזט ווידער געבוירן ווערן. דער ווינט
בלאָזט, וואו ער וויל, און דו הערסט זיין קול,
נאָר ווייסט נישט, פונוואַנען ער קומט און
וואוהין ער גייט; פּונקט אַזוי איז יעדער איינער
9 וואָס איז געבוירן פון דעם גייסט. נקדימון האָט
געענטפערט און געזאָגט צו אים: וויאַזוי קען דאָס
10 געשען? האָט ישוע געענטפערט און געזאָגט צו
אים: דו ביסט אַ רבי בישראל, און ווייסט דאָס
11 נישט? באמת, באמת זאָג איך דיר: וואָס מיר ווייסן,
דאָס רעדן מיר, און וואָס מיר האָבן געזען, דערפון
זאָגן מיר עדות: און איר נעמט אונזער עדות־זאָגן
12 נישט אָן. אויב איך האָב צו אייך גערעדט פון
ערדישע זאַכן, און איר גלויבט נישט, וויאַזוי וועט
איר גלויבן, ווען איך וועל צו אייך רעדן פון
13 הימלישע זאַכן? און קיינער איז נישט אַרויפגע־
גאַנגען אין הימל אַריין, אַ חוץ דער, וועלכער איז
אַראָפּגעקומען פון הימל, דער בן־אדם, וואָס איז
14 אין הימל. און ווי משה האָט אויפגעהויבן די